## קאַפּיטל פינף

1 זייענדיק דעריבער גערעכטפערטיקט דורך אמונה,
האָבן מיר שלום מיט ג־ט דורך אונזער האַר
2 ישוע המשיח, דורך וועמען מיר האָבן אויך באַקומען
דעם צוגאַנג דורך אמונה צום דאָזיקן חסד, אין וועלכן
מיר שטייען; און לאָמיר זיך משמח זיין אין דער
3 האָפנונג פון דעם כבוד פון ג־ט. און נישט נאָר
דאָס, נאָר לאָמיר זיך אויך פרייען אין די צרות,
4 וויסנדיק, אַז צרות פירן צו סבלנות; און סבלנות
5 צו דערפאַרונג, און די דערפאַרונג צו האָפנונג; די
האָפנונג אָבער אַנטוישט נישט, ווייל ג־טס ליבע איז
אויסגעגאָסן אין אונזערע הערצער דורך דעם רוח
6 הקודש, וועלכער איז אונז געגעבן געוואָרן. ווייל
ווען מיר זענען נאָך געווען שוואַך, איז דער משיח, אין
דער געהעריקער צייט, געשטאָרבן פאַר די רשעים.
7 וואָרום זעלטן וועט זיך עמיצער אונטערנעמען
צו שטאַרבן פאַר אַ צדיק; דאָך פאַר אַ גוטן מענטשן
8 וועט אפשר ווער האָבן דעם מוט צו שטאַרבן. אָבער
ג־ט באַווייזט זיין ליבע צו אונז, אַז משיח איז פאַר
אונז געשטאָרבן, ווען מיר זענען נאָך געווען חוטאים.
9 אויף וויפל זשע מער, זייענדיק איצט גערעכט־
פערטיקט דורך זיין בלוט, וועלן מיר געראַטעוועט
10 ווערן דורך אים פונם צאָרן. וואָרום אויב מיר, זייענ־
דיק שונאים, זענען פאַראייבּאַרט געוואָרן מיט ג־ט
דורכן טויט פון זיין זון, אויף וויפל מער, זייענדיק שוין
פאַראייבּאַרט, וועלן מיר געראַטעוועט ווערן דורך
11 זיין לעבן; נישט נאָר דאָס, נאָר מיר זענען זיך
משמח אין ג־ט דורך אונזער האַר ישוע המשיח, דורך
וועמען מיר האָבן איצט באַקומען די פאַראייבּאַרונג.